# הליכות החיים

ויקהל-פרה - פקודי-החודש | שנת תשפ״ה לפ״ק | גליון תע״ז

הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט״א
מו״ץ בשיכון סקווירא יע״א

לע״נ אאמו״ר הרה״ח ר׳ יעקב גרשון ב״ר שלמה ז״ל


**גליון זה נתנדב**

לרגל ההילולא קדישא של

**כבוד קדושת מרן הגה״ק בעל הישועות משה מויזניץ זצוק״ל**

**ביום כ׳ אדר - זכותו הגדול יגן עלינו ועל כל ישראל**

**הונצח ע״י בנותיו הרבניות תליט״א**

**ויה״ר שימליץ טוב בעדם ובעד כל משפחתו ובעד כל קהל ישראל**

# הרוצה בתשובה

## אקטועלע שכיח׳דיגע שאלות (לג)

### רעכענען ווייניגער פאר אן ארבעט און אראפרעכענען פון מעשר

**שאלה: ווי א בעל-מלאכה וואס מען רופט מיך אין שטוב טון ארבעט, קומט מיר אמאל אויס צוצוזען אן ארעמקייט אין שטוב, און אמאל ווייס איך אז יענער האט נישט קיין פרנסה, צי ער איז א בן-תורה אדער האט א גרויסע משפחה, און איך וויל געבן א ביליגערן פרייז. צי מעג איך אראפרעכענען פון מעשר דעם סכום וואס איך לאז יענעם אראפ פונעם פרייז?**

**תשובה:** מען מעג עס אראפרעכענען פונעם חשבון פון מעשר, און אדרבא, עס איז א צדקה וואס האט א באזונדער חשיבות, ווייל יענער פילט נישט אז מען העלפט אים ארויס און שעמט זיך נישט דערמיט (און פאר א בן-תורה קען מען זאגן אז מען גיט אים א ספעציעלן פרייז ווייל מען וויל האבן א חלק אין זיין תורה א.ד.ג., און דאס וועט אים געבן א חיזוק אין זיין עבודת הקודש).[1]

### אויב מ׳האט אריינגעקראכט אין יענעמ׳ס קאר ערב שבת נאכמיטאג

**שאלה: פרייטאג נאכמיטאג האט א איד אריינגעקראכט אין מיין קאר, און ער האט געבעטן אז איך זאל נישט רעכענען זיין אינשורענס ווייל ער וויל אליין באצאלן דעם שאדן. מוצאי שבת האט ער מיר אנגערופן און געזאגט אז ער וויל חלילה זיך נישט ארויסדרייען פון באצאלן, אבער פונקט דעם שבת האט ער געלערנט די גמרא (ב״ק לב.) אז ווען איינער לויפט ערב שבת און שעדיגט אן אנדערן בשעת׳ן לויפן איז ער פטור צו באצאלן ווייל ער איז געלאפן מיט רשות, ד.ה. די חכמים האבן אים געגעבן רשות צו לויפן וויבאלד ערב שבת יאגט מען זיך צו זיין גרייט צום שבת אין צייט, און לויט דעם טראכט ער אז אפשר איז דאס זעלבע ווען מען פארט ערב שבת אביסל שנעלער ווי ערלויבט, אז אויב מען האט צוליב דעם מזיק געווען יענעמ׳ס רכוש איז מען פטור צו באצאלן. דער איד האט מיר געבעטן אייך אריינשיקן די שאלה און מען וועט טון ווי אייער פסק הלכה.**

**תשובה:** דאס וואס חז״ל האבן גע׳פטר׳ט ווען מען איילט זיך ערב שבת נאענט צום שבת און מען שעדיגט בטעות אן אנדערן אדער עפעס וואס יענער האלט אין האנט א.ד.ג.[2], איז נאר ביים לויפן, אבער צו פארן שנעל מיט׳ן קאר איז נישטא קיין שום היתר, - בפרט אין אזעלכע זמנים ווי ערב שבת און ערב יום טוב ווען די גאסן זענען פול מיט דורכגייער - וויבאלד מען שטעלט איין דערמיט די לעבנס פון אנדערע מענטשן, אפילו אויב מען איז גאר א גוטער דרייווער,

## דורש טוב לעמו

לכבוד מכון הליכות החיים,

מיר זענען נאך אונטער׳ן רושם פונעם יום טוב פורים, וואס א גרויסן עיקר פארנעמען אין דעם טאג די ענייני בין אדם לחבירו, מתנות לאביונים, משלוח מנות, משמח זיין אידישע קינדער, און דאן איז מען ממשיך צום יום טוב פסח, ווען מען טיילט ביד רחבה און מען העלפט אנדערע דעקן די גרויסע הוצאות צו קענען מקיים זיין מצוות החג און זיך פרייען אינעם יום טוב.

דער ״אבן עזרא״ פארטייטשט דעם לעצטן פסוק פון דער מגילה ״דֹּרֵשׁ טוֹב לְעַמּוֹ וְדֹבֵר שָׁלוֹם לְכָל זַרְעוֹ״, אז מרדכי הצדיק האט נישט געווארט אז אידן זאלן קומען בעטן ער זאל טון גוטס מיט זיי, ער איז געווען א ״דורש טוב״, ער איז ארומגעגאנגען זיך נאכפרעגן וואס עס טוט זיך ביי יעדן איינעם און זיכער געמאכט אז עס פעלט קיינעם גארנישט.

אט דאס איז די ירושה וואס מרדכי הצדיק האט אונז איבערגעלאזט. מיט דעם ענדיגט זיך די מגילה און דערמיט גייען מיר אריבער צום יום טוב פסח און הייבן אן די שלשים יום וואס מען איז דורש בהלכות החג, וואס פאנגען זיך תיכף אן מיט די הלכות פון געבן מעות חטים, העלפן אנדערע אידן מאכן דעם יום טוב און זיכער מאכן אז עס פעלט קיינעם גארנישט. בפרט אזא יאר ווי יעצט, וואס עס איז נישט קיין סוד אז דער מצב הפרנסה ביי אידן איז נישט קיין לייכטער, אבער די צרכי החג בלייבן די זעלבע. דער איינציגער וועג אז עס זאל זיין ״כל דצריך ייתי ויפסח״, יעדער זאל קענען יום טוב האלטן בהרחבה, איז נאר מיט׳ן ״לֵךְ כְּנוֹס כָּל הַיְּהוּדִים״, יעדער איד זאל טראכטן און זארגן פאר אנדערע, זיין א ״דורש טוב״, מאכן חקירות און דרישות צו זען אז יעדער איז פארזארגט אויף יום טוב.

איבערן ענין פון כסדר טון און זארגן פאר אנדערע אידן, איז אינטערעסאנט צו דערציילן די פאלגענדע מעשה:

אין יאר תשס״ו, איז דער סקולענער רבי הרה״ק ר׳ ישראל אברהם, בעל ״מאור ישראל״ זצ״ל, געפארן אויף אפרו אין לאס אנדזשעלעס, און ער איז איינגעשטאנען דארט א גאנצן חודש ביים איש החסד און בעל צדקה רבי בערל ווייס, וועלכער האט איבערגעגעבן זיין גאנצע שטוב פאר׳ן רבי׳ן און די מקורבים.

**אין לעיין בגליונות בשעת התפלה וקריאת התורה כמבואר בהפוסקים לאיסור**

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד

**מו"ה ר' יושע געלבשטיין הי"ו**

לרגל השמחה במעונו בנישואי **בתו הכלה החשובה** תחי'

עב"ג הבחור החתן המהולל כמר **מרדכי** נ"י

בן מוה"ר **אברהם הערש שעהר** הי"ו

זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדם
לבנות בית נאמן בישראל בבני חיי ומזוני וכל השפעות טובות
ולרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח בבריות גופא ונהורא מעליא

דערפאר איז מען מחוייב צו באצאלן דעם פולן שאדן.

## א שיכור וואס האט געשעדיגט יענעמ'ס רכוש

**שאלה: פאראנגענעם פורים איז ארייגעקומען צו מיר א חבורה פון עטליכע בחורים בעטנדיג געלט פאר זייער ישיבה. צווישן זיי זענען געווען וואס האבן מקיים געווען "עד דלא ידע" כפשוטו, און זיי האבן געשעדיגט עטליכע חפצים ביי מיר אין שטוב מתוך שמחת פורים. צי קען איך איינמאנען פון זיי דעם שאדן, אדער מען איז פטור צו באצאלן?**

**תשובה:** מען איז מחוייב צו באצאלן דעם היזק אפילו אויב עס איז געטון געווארן מתוך שכרות און נישט מיט קיין כוונה מזיק צו זיין, און אפילו אויב יענער מאנט עס נישט דארף מען גיין אים באצאלן.[3]

## א שיכור וואס האט צוגעזאגט געלט פאר צדקה

**שאלה: פאראגאנגענעם זונטאג נאך פורים, האבן צוויי אידן מיר אנגערופן און געזאגט אז זיי זענען ארויפגעקומען צו מיר פורים פאר א וויכטיגן צדקה-צוועק און איך האב צוגעזאגט זיי צו געבן צען טויזנט דאלער. איך האב איבערגעפרעגט מיינע קינדער וואס זענען געווען דארט אין שטוב בשעת מעשה, און זיי האבן באשטעטיגט אז זיי האבן געהערט ווי איך האב צוגעזאגט דאס צו געבן. מיט א ניכטערן קאפ וואלט איך נישט געגעבן דעם סכום. צי בין איך מחוייב עס צו געבן?**

**תשובה:** אויב מען איז געווען "שיכור ווי לוט", ד.ה. מען האט נישט געהאט קיין אנונג וואס עס טוט זיך מיט זיך, איז מען פטור עס צו געבן, און אויב מען האט געגעבן א גרויסן סכום אבער מען האט קלאר געזען אז ער איז שטארק שיכור און נישט ביי די קלארע

ווען עס איז געקומען אהיימצופארן, האבן דעם רבי'נס שטוב-מענטשן געזאגט אז עס וואלט געווען א שיינע זאך צו קויפן פאר ר' בערל א שיינע מתנה אלס הכרת הטוב פאר זיין ברייטהארציגקייט. נו, וואס קויפט מען פאר א נגיד, וואס ער קען זיך נישט אליין קויפן? האט איינער פארגעשלאגן אז אפשר זאל דער רבי אים געבן דעם תהילים אין וואס דער רבי איז מתפלל. דער סקולענער רבי האט אבער געזאגט אז ער האט שוין אייגנטליך געגעבן פאר ר' בערל א שיינע מתנה.

עס איז געווען א וואונדער, ווייל קיינער האט נישט געהאט געהערט אז דער רבי זאל האבן עפעס געגעבן פאר ר' בערל.

וואס האט דער רבי אים טאקע געגעבן? האט דער סקולענער רבי דערציילט: "איך בין געווען אין בית המדרש, איז צוגעקומען צו מיר אן ארץ-ישראל'דיגער איד און געזאגט אז ער גרייט זיך חתונה צו מאכן א קינד און האט נישט אויף הוצאות החתונה. איך האב אים געגעבן געלט, און דאן האב איך אים מיטגעברענגט מיט מיר צו ר' בערל אין שטוב אז ר' בערל זאל אים ארויסהעלפן - ווי דער זוהר הק' זאגט, אז איינער וואס דער אויבערשטער האט אים ליב, שיקט ער אים אן ארעמאן אלס א מתנה אז ער זאל אים העלפן און דער זכות זאל אים ביישטיין."

מיר דארפן זיך חזר'ן דעם יסוד, אז ווען מען טוט טוט פאר אנדערע טוט מען פאר זיך. דער "חפץ חיים" אין ספר "אהבת חסד" (ח"א פ"א, ז) שרייבט: "די מצוה פון גמילות חסדים האט נישט קיין שיעור און מען דארף דאס מקיים זיין אפילו הונדערט מאל, און דאס הארץ זאל קיינמאל נישט ווי טון אז יענער איז מטריח אזויפיל מיט'ן בעטן געלט. פונקט ווי דו ווערסט נישט אין כעס ווען איינער קומט אלעמאל אין דיין געשעפט קויפן און ברענגט דיר פארדינסטן, אזוי זאלסטו וויסן אז יעדעס מאל וואס א איד בעט ביי דיר הילף ביסטו מקיים א מצות עשה דאורייתא און עס וועט דיר קומען א ברכה פון אויבערשטן, ווי דער פסוק זאגט 'נָתוֹן תִּתֵּן לוֹ' און חז"ל דרש'ענען 'אפילו מאה פעמים', מען זאל יענעם געבן אפילו הונדערט מאל, און אויך זאגט די תורה אן 'וְלֹא יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ', עס זאל דיר נישט וויי טון ווען דו גיבסט יענעם שוין דאס הונדערטסטע מאל, ווייל 'כִּי בִּגְלַל הַדָּבָר הַזֶּה יְבָרֶכְךָ ה' אֱלֹקֶיךָ', השי"ת וועט דיך אין דעם זכות בענטשן, און יענער ברענגט דיר דערמיט די בעסטע געשעפטן, ברכה און הצלחה בזה ובבא".

## וכאן הבן שואל

א חשובער עסקן, ר' א. ב. י., וועלכער גיט זיך אפ מיט'ן ארויסהעלפן אידן און שאפן פאר זיי געלט אויף יום טוב, דערציילט די פאלגנדע מעשה, וואס האט זיך אנגעהויבן אין יאר תשע"ו,

בס"ד

פינת צדקת צדיקי הדורות

מרן הגה"ק רבי שמעון סופר זצ"ל
אבד"ק קראקא נשיא כוללנו
בן מרן רבינו הגה"ק בעל החתם סופר זי"ע
יומא דהילולא י"ז אדר

...והמצוה מוטלת על הרבנים היושבים כסאות למשפט.. להעמיד קופות עבור נשמת רבי מאיר בעל הנס... **כי ממש פיקוח נפשות יש בדבר.**
ובזכות זה **כל המעשים וכל העוסקים וכל המתנדבים לא ידעו שום דבר רע...**

עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
חבת ירושלים
ואהבת ציון אל תשכח לנצח

עמוד הצדקה והחסד בארה"ק
צדקת רבי מאיר בעל הנס
כולל חבת ירושלים

טייערע ברודער! די עניי ארצינו הקדושה קענען נישט ווארטן ביז פסח.
לאמיר זיי מאכן א שמחת יו"ט מיט הרחבת הדעת און שיקן אונזער נדבה באצייטנס.

**מדור זה נתנדב**

לזכר נשמת הרבני הנעלה
הרה"ח ר' **זיידל מאיר** ב"ר
**יוסף בנימין** ע"ה **ראוויצקי**
יארצייט ביום י"ט אדר - יהא זכרו ברוך
הונצח ע"י
**בני משפחתו**

גדאנקען, דארף מען אים פרעגן צי מען קען עס האלטן, און אז נישט דארף מען עס אים צוריקגעבן.

**אויב מ'איז נאר געווען בגילופין**

אויב מען האט אבער יא קלאר געוואוסט וואס עס טוט זיך, נאר מען איז געווען בגילופין און מען האט זיך געלאזט גרינגער איבעררעדן, איז מען מחוייב איינצוהאלטן וואס מען האט צוגעזאגט און געבן דעם פולן סכום.[4]

## דין קדימה ביים דאווענען פאר'ן עמוד

**שאלה: איך דאווען שחרית פאר'ן עמוד ביי א מנין קבוע זייענדיג אין יאר נאך מיין טאטן ז"ל. אפטמאל מאכט זיך אז ווען איך קום אן, שטייט שוין אן אנדערער ביים עמוד און אויף מיין טענה אז איך דאווען דארט יעדן טאג, ענטפערט ער אז ער האט היינט יארצייט, וואס דאס קומט קומט פאר'ן דאווענען אינעם יאר.**

**צי איז דאס א ריכטיגע טענה, כאטש יענער קען דאווענען פונקט אזוי א פאר מינוט פריער אדער שפעטער ביי אן אנדער מנין וואו עס איז נישטא קיין בעל תפילה קבוע?**

**תשובה:** אויב דער וואס האט יארצייט איז אויך א מתפלל קבוע ביים זעלבן מנין, קומט ער פריער. אבער אויב ער איז נישט קיין מתפלל קבוע דארט האט ער נישט קיין דין קדימה.

עס דארף באמערקט ווערן, אז אין יעדן פאל וואס עס קען ארויסקומען מחלוקת און פירוד לבבות, זאל מען אפטרעטן און לאזן יענעם דאווענען, אפילו אויב מען וועט צוליב דעם אינגאנצן נישט קענען דאווענען פאר'ן עמוד. און דאס מוותר זיין למען השלום וועט זיין מער טובה פאר דער נשמה, ווי דאס דאווענען פאר'ן עמוד ווען עס איז גורם אפילו דאס קלענסטע מחלוקת.[5]

## פארבארגן געלט פאר א צווייטן

**שאלה: א איד האט מיר געבעטן אים צו פארבארגן עטליכע טויזנט דאלער ביז ראש חודש אייר אויף הוצאות יום טוב. ווי עס זעט אויס, וועל איך נישט דארף ניצן דאס געלט ביז דעמאלט, אבער דאך איז עס מיר רואיגער ווען דאס געלט בלייבט ליגן ביי מיר. צי איז דא א חיוב להלכה עס אים צו פארבארגן?**

**תשובה:** עס איז א מצות עשה און חיוב מן התורה צו פארבארגן געלט פאר א איד, ווי עס שטייט אין פסוק "אם כסף תלוה את עמי", און אז מען דארף נישט יעצט אליין דאס געלט יעצט און מען קען עס פארבארגן אויף א פארזיכערטן אופן, צ.ב.ש. מיט א גוטן ערב, איז מען מחוייב אזוי צו טון.

עס ווערט געברענגט אין די ספרים, אז דערפאר שרייבט די תורה ביי דער מצוה פון פארבארגן געלט דעם לשון "אם כסף תלוה" (אויב דו וועסט פארבארגן געלט), כאטש עס איז א חיוב מן התורה און עס ווענדט זיך נישט אויב מ'וויל אדער נישט - ווייל די תורה האט געוואלט אז דער מענטש זאל טון די מצוה מיט זיין פולן ווילן און הנאה, אזוי ווי עס וואלט זיך געוואנדן אין זיין אייגענעם ווילן.[6]

און די פרייליכע ענדע איז געשען פינקטליך איין יאר שפעטער.

"שוין אסאך יארן וואס איך בין זיך משתדל צו העלפן אידן און שאפן פאר זיי געלט א גאנץ יאר, און בפרט פאר יום טוב. איין וואך פאר פסח, רופט מיר אן א פרוי און רעדט זיך אפ, אז דער מצב איז ביטער, זי האט נישט מיט וואס אפילו אנצוהייבן אריינברענגען דעם יום טוב. איך האב באלד אנגעהויבן רופן און ארויסשיקן מודעות צו זען ווער און ווי אזוי מען קען העלפן.

"א פאר מינוט שפעטער, קלינגט דער טעלעפאן, און א פרוי וואס וואוינט אין גאנץ אן אנדער שטאט דערציילט מיר אז זי און איר מאן האבן געהערט אז איך זוך געלט פאר א איד וואס האט גארנישט אויף יום טוב און זי וויל יענעם העלפן. זי וויל טון א 'גאנצע מצוה' און בעט אז איך זאל איר געבן א ליסטע, וויפיל עס קאסט דער יום טוב ביי דער משפחה, און זי וועט דאס גאנצע באצאלן.

"דא לייגט זי אבער צו א בקשה: 'מיר ווארטן שוין איבער צען יאר אויף קינדער. די דאקטוירים גיבן אונז נישט קיין האפענונג. בעט איך אייך, גיט איבער פאר דעם איד אונזערע נעמען, זיי זאלן פאר אונז מתפלל זיין.'

"איך האב זיך געפריידט אנצורופן די נויטבאדערפטיגע משפחה און זיי אנזאגן די גוטע בשורה אז עס וועט זיין א יום טוב מיט אלעם גוטן. זיי האבן זיך זייער דערפריידט דערמיט און געמאכט א ליסטע מיט די יום-טוב-געברויכן אין דער ווערט פון עטליכע טויזנט שקלים און צוגעזאגט אז ביי דער סדר-נאכט און אזוי דורכאויס דעם יום טוב וועלן זיי מתפלל זיין פון טיפן הארצן פאר א ישועה פאר דעם קינדערלאזן פארפאלק.

"איך בין נישט געווען בקשר א גאנץ יאר, נישט מיט די וואס האבן געגעבן און נישט מיט די וואס האבן באקומען. דעם קומענדיגן יאר, האט די משפחה זיך נאכאמאל פארבונדן און געבעטן הילף מיט'ן יום טוב. איך האב אויפגעזוכט דעם נומער פון דער משפחה וואס האט געגעבן צו מיר פאראיארן ארויסהעלפן יענעם. א פרוי האט אויפגעהויבן דעם טעלעפאן, און איך האב אנגעהויבן איר זאגן, 'פאראיארן האט איר אנגערופן אז איר ווילט באצאלן דעם גאנצן יום טוב פאר א משפחה...'

"זי האט מיך אבער נישט געלאזט אויסרעדן. 'איר זאלט מיר מוחל זיין, מן הסתם האט איר גערעדט צו מיין שוועסטער... איך בין נישט די בעל-הבית'טע. איר וועט מוזן צוריקרופן, כ'ווייס נישט פינקטליך ווען. זי איז נישט אינדערהיים יעצט, זי איז אין שפיטאל. זי האט געבוירן א טאכטער, דאס ערשטע קינד נאך אסאך יארן...'

"טרערן זענען מיר גערונען פון די אויגן. די דאקטוירים האבן געהאט געזאגט אז זיי קענען נישט האבן קיין קינדער, אבער צום יאר פאר

1. עי' בספרנו שנה ראשונה דיני מעשר כספים שער ז סעיפים ז-ח.
2. כמובן שצריכין להיזהר שלא להזיק בין בגוף ובין בממון, וגם באופן שאירע שהזיק צריך לשאול שאלה מכיון שהדבר תלוי בכמה פרטים.
3. בשו"ע או"ח סי' תרצה ס"ב ובחו"מ סי' שעח, שאם הזיק מתוך שמחת פורים פטור. אבל בערוך השלחן כתב, דבזמנינו ערבה שמחה וצריך לשלם. ויש מחלקים בין היזק קטן לגדול, ועי' פתחי חושן נזיקין פ"א סי' י.
4. כמבואר בפוסקים דרק אם לא הגיע לשכרותו של לוט, עי' חו"מ סי' רלה סכ"ב ובספר מקדש ישראל (פורים) סי' שלט ה"ה.
5. משנ"ב סי' נג ס"ק סא וסק"ה, דאין להתקוטט עבור שום מצוה, כדשנינו הצנועים מושכים את ידיהם מלחם הפנים. ועי' בספר אהבת שלום (פינחס) על מה שאמרו חז"ל 'קשה עלי פרידתכם' שאם מתקוטטים אפילו שזהו על מצוה הוא קשה לפני השי"ת.
6. שו"ע חו"מ סי' צז, ואפילו לעשיר שצריך להלוואה לפי שעה מצוה להלוותו.
7. חוט שני ס"ק כד.
8. עי' הגהות רע"א סעיף יד. ובכלים שחיוב הטבילה הוא רק מדרבנן וכגון של זכוכית [דמה"ת חיוב הטבילה הוא דוקא בכלי מתכות], בשעת הדחק יכול לשלוח קטן גם כשאין גדול עומד על גביו.
9. עי' ספר משפטי התורה ח"א סי' פד, ובתשובות והנהגות ח"ד סי' שיח.

**מדור זה נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד
מוה"ר **יעקב יוסף** ברב"צ **בייער** הי"ו
לרגל השמחה במעונו בנישואי בנו **החתן אברהם צבי ני"ו**
עב"ג **הכלה החשובה תחי'** בת ידידנו
מוה"ר **צבי יואל לעפקאוויטש** הי"ו למז"ט
זכות לימוד תורה של אלפי ישראל יעמוד בעדו
שיזכה לרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא


## ווי אזוי צו טובל'ען כלים

**שאלה: וואס איז דער ריכטיגער וועג אנצוכאפן א כלי וואס מען טובל'ט אז עס זאל נישט קיין חציצה צווישן די הענט און דער כלי?**

**תשובה:** מעיקר ההלכה, דארף מען עס אנכאפן לויז אז דאס וואסער זאל קענען דורכגיין, און אויב מען האט עס אנגעכאפט אזוי שטארק אז דאס וואסער קען נישט צוקומען אויף דעם פלאץ דארף מען עס איבער'טובל'ען.

אין די פוסקים זעט מען אבער אז אפילו אויב מען כאפט עס אן לויז קען זיין א שאלה פון חציצה, און דער העכסט-לכתחילה'דיגער וועג איז אויסצולאזן די כלי און אונטערלייגן די הענט אז עס זאל נישט ארייגפאלן אין דער מקוה.

אויך איז דא אן עצה, אז מען זאל נאס מאכן די האנט מיט'ן מקוה-וואסער און עס נישט ארויסנעמען פון וואסער ביז נאכ'ן טובל'ען, ד.ה. מען זאל ארײנשטעקן איין האנט אין דער מקוה, און מיט דער אנדערער האנט ארײנלייגן די כלי אין דער האנט וואס מען האלט אין וואסער (און צוריק ארויסנעמען די אנדערע האנט פון וואסער) און עס טובל'ען מיט יענער האנט.

### ווען מ'טובל'ט כלים אין א קעסטל

ווען מען טובל'ט כלים צ.ב.ש. עסצייג אין א לעכעריג קעסטל וואס מען טינקט איין אינעם וואסער, זאל מען אכטונג געבן נישט ארײנצולייגן צופיל כלים אויפאמאל, און אויך זאל מען עס ארומשאקלען אינעם וואסער, כדי אז דאס וואסער זאל אנקומען געהעריג איבעראל.

## שיקן קינדער צו טובל'ען כלים

**שאלה: צי מעג מען שיקן א קינד אונטער בר/בת מצוה טובל'ען כלים?**

**תשובה:** א קינד אונטער בר/בת מצוה קען טובל'ען כלים, אבער היות זיי האבן נישט קיין נאמנות צו זאגן אז זיי האבן עס גע'טובל'ט, זאל מען זיי אנזאגן צו בעטן איינעם צו קוקן ווי זיי טובל'ען, און לכתחילה זאלן זיי דערנאך זאגן ווער עס האט געזען ווי זיי טובל'ען, אדער זאלן זיי בעטן אז יענער זאל אראפשרייבן פאר זיי זיין נאמען אדער טעלעפאן-נומער.[7]

פלאסטיק-כלים, וואס לויט רוב פוסקים דארף מען זיי נישט טובל'ען און עס איז נאר א חומרא, קען מען שיקן קינדער אליין טובל'ען.[8]

## אויסכאפן יענעם אין דער שורה

**שאלה: ווען עס שטייט א שורה מענטשן אין א געשעפט צו קויפן אדער וואו מען טיילט עסן א.ד.ג., און איינער יאגט זיך זייער, צי מעג מען זיך ארײנרוקן אין דער שורה פאר אנדערע, אדער עס איז דא אן איסור?**

**תשובה:** עס איז אסור דאס צו טון, וויבאלד עס איז איינגעפירט צו גיין אין א שורה און מענטשן זענען מקפיד דערויף.

אויב איינער איילט זיך צוליב א ספעציעלע סיבה, זאל ער פרעגן די מענטשן אין דער שורה צי מען איז מסכים אים ארײנצולאזן פריער.

אזוי אויך זאל מען נישט בעטן איינעם וואס שטייט שוין אין דער שורה צו נעמען אדער קויפן פאר אים אויך.[9]

## מכבד זיין א תלמיד חכם און עלטערן איד

**שאלה: ווען אידן שטייען אין א שורה און עס איז דא דארט א תלמיד חכם אדער עלטערן איד, צי איז דא א חיוב אים צו לאזן גיין פריער?**

**תשובה:** מען דארף לאזן א תלמיד חכם, ראש ישיבה, מורה הוראה א.ד.ג., אדער אן עלטערן איד גיין פריער און זיי צורופן און נישט לאזן שטיין אין דער שורה.

פסח האט דער אויבערשטער זיי געהאלפן, און זי איז יעצט א פרישע מאמע. איך האב זוכה געווען צו זיין דער שדכן... זי איז געהאלפן געווארן אין זכות פון תפלות פון א איד וועמען זי האט געהאלפן ארײנברענגען דעם יום טוב."

ווי אונזערע הייליגע חכמים האבן געזאגט: מער ווי דער בעל-הבית טוט גוטס מיט'ן ארעמאן, טוט דער ארעמאן מיט אים.

## 108 טויזנט שקל כמנין 'המזון'

לכבוד מכון הליכות החיים,

ביי זיין טעגליכן שיעור וועגן דער גרויסקייט און חשיבות פון מצות ברכת המזון, האט הרה"ג ר' אברהם מרדכי מלאך שליט"א דערציילט דאס פאלגנדע: זייט מיר האבן אנגעהויבן לערנען יעדן טאג א פאר מינוט וועגן ברכת המזון, רופן כסדר אריין אידן דערציילן זייערע וואונדערליכע מעשיות בנוגע זהירות אין מקיים זיין די מצוה. פאריגע וואך האט א איד דערציילט די פאלגנדע מעשה, וואס האט מיך זייער איבערגענומען.

"לעצטנס," האט דער איד דערציילט, "האב איך זיך צוגעכאפט אויסצוהערן די טעגליכע שיעורים, און עס האט מיר אנגעהויבן ארײנגיין אין קאפ. אן אינערליכע שטימע האט גערעדט צו מיר און געזאגט: 'וואו האלטסטו מיט ברכת המזון? 'ואכלת ושבעת' ביסטו ב"ה מקיים טעגליך, אבער 'וברכת' - די איינציגסטע ברכות וועלכע זענען מן התורה - קומט דיר נישט אויס צו מקיים זיין משבת לשבת. איז עס דען נישט א שאד?!'

"כדי איר זאלט פארשטיין וואס איך וויל דא זאגן, וויל איך זיך ערשט פאר אייך פארשטעלן. איך וואוין אין ארץ ישראל און בין עוסק אין ריעל עסטעיט. לעצטנס האט עס מיר אנגעהויבן גיין זייער שווער, און נישט האבנדיג קיין געלט צו דער האנט מיט וואס צו האנדלען, בין איך אריבערגעגאנגען צו מיין אקאונטענט איבעררעדן מיט אים דעם מצב, וואו מיר האלטן אויף דער וועלט. איך האב געהאפט אז ער וועט מיר צואווייזן אז עס איז מער-ווייניגער יא אין ארדענונג, אבער ער האט מיר נאר צוגעגעבן נאך מער דאגה, זאגנדיג אז דער מצב איז שווערער ווי עס זעט אויס און מען דארף דא א שטיקל ישועה. איך האב מקיים געווען 'השלך על ה' יהבך' און זיך מחזק געווען מיט בטחון אין אויבערשטן, אז אלעס וועט זיך שטעלן אין ארדענונג.

"יענע נאכט איז מיר אויסגעקומען צו גיין צו א שבע ברכות פון מיינעם א נאענטן. ארײנקומענדיג צו דער שמחה, האב איך זיך צוגעזעצט נהנה זיין מסעודת חתן, אבער באלד איז מיר דורכגעלאפן א מחשבה: ר' איד! האסט זיך די וואך נאכנישט געוואשן און נאכנישט מקיים געווען מצות ברכת המזון, אפשר לייגסטו צו א נטילת ידים, א ברכת המזון? אייגנטליך, האב איך נישט געוואלט


איר קענט ארײנשיקן שאלות און הערות צו 4592885mhh@gmail.com
אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170

# אם כסף תלוה

## דיני הלואה (ב)

### להלוות כמה הלואות קטנות או הלואה גדולה אחד

**א]** אם כמה אנשים רוצים ללוות ממנו ואחד מהם צריך לסכום גדול שאם ילוה לו לא יוכל להלוות לאחרים, מוטב לחלק ההלואה לכמה אנשים ולא להלוות סכום גדול לאחד, שהכל לפי רוב המעשה[1].

וכ"ז כששניהם שווים בדרגא אחד כגון ששניהם עניים מאותו עיר וכו' אבל כשאחד יש לו דין קדימה מצד קרבות או מעירו אז הוא קודם להלוותו כל הסכום הצריך לו[2].

### הלואה מאשה

**ב]** אשה אסורה להלוות לאחרים ממונו של בעלה בלא ידיעתו, רק אם הוא סכום מועט שאין דרך בני אדם להקפיד ע"ז, או שיודעת טבע בעלה שאינו מקפיד, אז מצד מדת החסד מוטל עליה להלוות.

וכן כלי בית שרגילים השכנים להשאיל ביניהם מותרת להשאילם שלא מדעת בעלה[3].

### אם אחד שאינו בחזקת נאמן רוצה ללוות ממנו

**ג]** אם אחד רוצה ללוות מעות ממנו, והוא אינו בחזקת נאמן אצלו וחושש שלא ישלם כראוי, מותר להשתמט מלהלוות לו.

אך נחלקו הפוסקים בזה, י"א שמ"מ אסור לשקר ולומר לו שאין לו מעות רק ידחנו בתירוצים אחרים, ויש מתירים גם לומר לו שאין לו מעות.

אבל באופן שיודע שאם ישתמט ממנו באיזה תירוץ אחר יבא לשנאתו אז מותר לומר 'אין לי'[4].

1. כן הוא באהבת חסד עניני גמ"ח פט"ו, ומביא שם דכשמלוה לחבירו ע"פ היתר עיסקא אינו מקיים מצות 'אם כסף תלוה' ע"פ המבואר בספרים מבואר דא' מהטעמים שהתורה אסרה להלות בריבית הוא כדי שיתחזק מדת החסד בעולם ועי"ז יתנהג הוא ג"כ עם העולם בחסדו וכו', ומסיים שם: דיש לו לאדם לבטוח בה' ולהאמין דעי"י שיתדבק במדת החסד השי"ת מתנהג עמו ג"כ במדת החסד וישלח לו ברכה במעשה ידיו תמורת זה. וראה לשון הזהב של ה'מאור ושמש' פרשת בהר וז"ל: לכן ינהג אדם שלא להרבות בפרקמטיא יותר מכדי פרנסתו, ואם יזכהו ה' בעושר רב והון, לא יאמר ארדוף עוד אחר פרקמטיא ואשיג שלל רב יותר וגם בזה לא ישקיט אף שנותן גם לאחרים בעיסקא כמו שעיננו רואות בעונותינו הרבים, אם אדם זוכה לאיזה סך מוסיף עוד משא ומתן על משא ומתן שלו הקבוע ונותן לאחרים למחצית שכר ועל אחיהם בני ישראל מהדולדלים לא ישימו עיניהם להחזיקם בגמ"ח לבל יפולו, לא זו הדרך אלא יעסוק בפרקמטיא כדי צורך פרנסתו ומהמותר יעסוק בגמ"ח ובצדקה ואז טוב לו יהי' שהוא יוכל לעסוק בתורה ועבודה וגם יחזיק ידי אחיו שילוה להם בלי עסק וגם אחיו יוכלו להתפרנס בנקיות, עכלה"ק.
2. ואם האחד שרוצה ללוות כל הסכום יועיל לו זאת שלא יתמוטט לגמרי אז אפשר דהוא קודם דעי"ז מקיים ג"כ מצות וכי ימוך אחיך וכו' והחזקת בו (שם בפ"א).
3. ובעל שאשתו מקפדת עליו ומריבה עמו על ההלוואות שמלוה לאנשים אף דמדינא אין לו לחוש כלל כי המעות הם שלו ולא שלה, אפ"ה יותר טוב שיעשה בהצנע כדי שלא יבוא לידי קטטות ומריבות, ואשה שמוחה בבעלה מלקיים מצות גמ"ח וכה"ג בשאר כל המצות, עבירה הוא בידה ועתידה ליתן דין ע"ז, ולהיפך אם תעזרהו לטוב יש לה זכות בזה (אהב"ח פ"ב ס"ב).
4. עי' בשועה"ר סי' קנ"ו שמביא שיטת מ"א דאפי' מפני דרכי שלום אין היתר לשנות רק בסיפור דברים שכבר עברו אבל לא בדברים שלהבא, אבל שאר פוסקים סוברים דמותר אפילו אלהבא, עיין מ"ב קנ"ו סק"ד ובספר דע"ת שם. וכן הקשה בשועה"ר בתוך הדברים בסוגריים, דהיות שהשלום גדול מכל המצוות ע"פ הפסוק בקש שלום ורדפהו, והרי"ף באלו מציאות סובר דלאו היתר הוא אלא מצוה איכא, א"כ מהיכי תיתי להחמיר דלשנות בלהבא אסור, וכן מביא במסגרת השולחן סי' ס"ג סק"ה דבכמה מקומות משמע דמותר לשנות אף בלהבא. ולכן למעשה אם יכול להשתמט הימנו דהיינו שיאמר לו לישנא דמשתמע בתרי אנפין יעשה כן, כגון שיאמר לו "עכשיו קשה לי להלוות לך" ולא יאמר בפי' שאין לו מעות, אך אם יבוא לשנאתו ע"ז אז מותר לו לומר אין לי, כי כוונתו הוא "אין לי להלוות לך", כן מביא בספר חנוך לנער דף לח משמי' דבעל הקהלות יעקב זצ"ל שאין זה שקר, כי כוונתו כנ"ל.






צופיל עסן דארט, אבער איך האב געטראכט צו מיר: ביסט דאך ערשט היינט געזעסן ביים אקאונטענט און ער האט דיר געוויזן אז דער מצב איז נישט אזוי באַ'טעמ'ט. פון דער אנדערער זייט, האסטו א הבטחה אויף מצות ברכת המזון, וואס רבי שמעון בר יוחאי זאגט אין זוהר הקדוש (מובא בחק לישראל ליום ג' ויקהל) "אזוי ווי דער מענטש בענטשט ברכת המזון מיט א שמחה און 'עין טובה', וועט מען אים געבן אויף [פון הימל] מיט שמחה און 'עין טובה'. און ווי ס'שטייט אויך אין ספר החינוך (מצוה ת"ל) "איך האב מקובל פון מיינע רבי'ס, אז ווער עס איז געווארנט אין ברכת המזון, איז פארזיכערט אז ס'וועט אים נישט פעלן קיין פרנסה בכבוד".

"איך האב מחליט געווען זיך צו וואשן, פשוט מקיים צו זיין די מצוות פון נטילת ידים און ברכת המזון. שפעטער, ווען עס איז געקומען צום בענטשן, האב איך געהאט א באזונדערס גוטע הרגשה, אז דאסמאל איז דאס בענטשן פשוט מקיים צו זיין מצות ברכת המזון, ווייל נאר צוליב דעם האב איך זיך געוואשן. איך האב געבענטשט ערליך פון א סידור מיט כוונה.

"דעם אנדערן טאג, רופט צו מיר דער אקאונטענט און פרעגט, 'זאג, האסט געזען וואס עס איז געשען היינט אין באנק?' 'ניין,' זאג איך אים, 'איך האב נאכנישט אריינגעקוקט אין מיין אקאונט.'

"'וועסט נישט גלייבן,' זאגט ער. 'מען האט דיר געשיקט א 'טעקס ריטוירן' אין דעם סכום פון הונדערט מיט אכט טויזנט שקלים. עס איז מיר א וואונדער. איך פארשטיי נישט פארוואס דו האסט באקומען אזויפיל, און פארוואס שוין יעצט.'

"איך האב געדאנקט דעם אויבערשטן אויף דער גרויסער שפע און באשלאסן זיך ווייטער מחזק צו זיין אין דער מצות עשה דאורייתא פון ברכת המזון.

"יענע וואך מוצאי שבת, קלאפן אריין צו מיר צוויי חברים און דערציילן, אז אונזער'ס א נאענטער חבר גייט נעבעך אדורך אסאך צער און עגמת נפש מיט זיין פרוי און די קינדער און שווימט אין א ים פון חובות און אין צרות. זיי האבן זיך אריינגעלייגט בלב ונפש אים צו העלפן, פאר אלעם געמאכט א פלאן אויפצוקומען מיט א סומע פון פיר-און-פופציג טויזנט שקל אז ער זאל פשוט קענען אנגיין מיט'ן טעגליכן לעבן. זיי האבן צוגעגעבן, אז בשליחות פון אונזער רבי'ן גייען זיי יעצט צוערשט צו די פינף נאענטע חברים פון דעם איד, אז יעדער פון זיי זאל זיך טיילן אין דעם סכום.

"דער חבר איז מיר געווען נאענט צום הארצן, און איך האב געוואוסט אז דער מצב וואס זיי שילדערן איז ווייט נישט איבערגעטריבן. איך האב זיי געענטפערט, אז ווען זיי קומען ווען צו מיר א וואך צוריק, וואלט איך זיי באלד געמוזט

איבערצושמועסן די הלכות וואס ווערן געברענגט אינעם גליון, אדער צו איבערלאזן א שאלה קען מען רופן 845-499-5084
אויב קיין ענטפער, ביטע לאזט איבער א מעסעדזש

**הגליון והפצתו נתנדב**

על ידי ידידנו הנדיב הנכבד איש טוב ומטיב מוקיר תורה ורבנן
**הרה"ח ר' עקיבא זיידא קיזעלניק שי'**
לז"נ אביו **הרה"ג ר' דוד ב"ר משה ז"ל** - יא"צ שב"ק כ"ב אדר
זכות לימוד תורה של אלפי ישראל והנהגותיהם לטובה ע"פ ההלכה, יהיה לזכר נשמתו הטהורה
וימליץ טוב בעד כל בני משפחתו מוקירי זכרו הבהיר

## דער שליסל צו זיין אן ערליכער איד

לכבוד מכון הליכות החיים,

אינעם פריערדיגן גליון איז געווען געשריבן א מעשה איבער א איד וואס איז געקומען צום "שפת אמת און האט געבעטן א תשובה אויף זיינע חטאים, און דער שפת אמת האט אים געזאגט אז ער זאל אכטונג געבן צו דאווענען די דריי טעגליכע תפילות און אזוי אויך קובע עתים זיין לתורה יעדן טאג אין דער זעלבער צייט, זאגנדיג אז ווען דער מענטש איז מסודר זינדיגט ער נישט, און דער איד איז געווארן א בעל-תשובה גמור. אויך האט איר געברענגט א מעשה בנוגע דעם ענין פון הגאון ר' אהרן טויסיג שליט"א, וואס האט לעצטנס פאסירט.

איך וויל צולייגן א שיינע הוספה, וואס איך האב געזען אין סידור "חלקת יהושע" פון ביאלער רבי'ן זצ"ל. א בחור האט אמאל ערב ראש השנה געשיקט אים פרעגן, וועלכע גוטע קבלה ער זאל מקבל זיין אויף זיך. האט ער געזאגט, אז אויף די ווערטער "ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם" אנהייב פרשת משפטים, זאגט דער תרגום "ואלין דיניא דתסדר קדמיהון". דאס איז א רמז, אז ווען מען וויל מקיים זיין די פילצאליגע מצוות פון דער תורה, דארף זיין "דתסדר קדמיהון", מען זאל לעבן מיט א סדר, און דאס איז דער שליסל צו קענען זיין אן ערליכער איד. "זוכסט א קבלה צום נייעם יאר?" האט ער געזאגט, "זיי מקבל אויף זיך, אז דיין תורה און תפילה און דיינע הנהגות זאלן שטענדיג זיין מיט א סדר, און אזוי וועסטו קענען זיין אן ערליכער איד."

תזכו להמשיך בפעולותיכם לזכות הרבים בסייעתא דשמיא.

## אריכות ימים דורכ'ן מעביר סדרה זיין

לכבוד מכון הליכות החיים

מען האט געשריבן אין גליון פארשידענע וויכטיגע מאמרים וועגן מעביר סדרה זיין, וויל איך דא שרייבן וואס איך האב געזען פון הגה"צ רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל. ער האט אמאל געפרעגט איינעם פון זיינע תלמידים, צי ער איז מעביר סדרה "שנים מקרא ואחד תרגום", האט יענער געענטפערט אז ער איז זיך משתדל דערויף.

"פארוואס ביסטו זיך 'משתדל'?" האט רבי בנימין אים פארגעהאלטן. "עס שטייט דאך אין חז"ל (ברכות ח, ב), אז ווער עס איז מעביר סדרה, פארלענגערט מען אים זיינע יארן און טעג. אויב וואלסטו געהאט די מעגליכקייט צו נעמען א ברכה פון רבי שמעון בר יוחאי, וואלטסטו דען נישט געלאפן נעמען ביי אים א ברכה? אוודאי יא. נו, טראכט אריין: אונזערע חכמים גיבן א הבטחה, נישט בלויז א ברכה, אז מען איז מאריך ימים ושנים. אויף דעם זאגסטו אז ביסט זיך 'משתדל'?

"נאכמער," האט רבי בנימין אים געזאגט. "אויב זאגן חז"ל אז מען איז מאריך ימים ושנים, מוז דאס זיין גוטע טעג און יארן, ווייל אויב נישט, וואספארא ברכה איז דאס דען? דעריבער זאלסטו פון היינט אן זיכער מאכן דאס מקיים צו זיין מיט דער גאנצער קראפט, און נישט נאר זיך 'משתדל זיין'. און איך בעט דיר," האט רבי בנימין צוגעגעבן, "אז דו זאלסט זען איבערצוגעבן די ווערטער פאר יעדן וואס דו קענסט."

(ער האט צוגעגעבן, אז אויב עס איז אים שווער מעביר סדרה צו זיין אויף איין מאל, קען ער דאס צעטיילן לויט די טעג ווי עס שטייט אין שולחן ערוך: זונטאג ביז שני, מאנטאג ביז שלישי, א.א.וו., ביז פרייטאג וואס מען ענדיגט פון שישי ביז סוף סדרה.)

אוועקשיקן, ווייל איך האב נישט געהאט קיין עקסטרע פעני צו געבן, אבער ברוך ה', אז איך האב יעצט אומגעראכטן באקומען א סכום געלט און דארף נעמען מעשר דערפון. איך האב זיי דערציילט פון דעם געלט וואס איז אריינגעקומען צו מיר אין באנק.

"הערנדיג דעם סכום, רופט זיך אן איינער פון זיי: 'מאך א פשוט'ן חשבון - אויב יעדער פון די פינף חברים גיט צען טויזנט מיט אכט הונדערט שקל, האבן מיר דעם גאנצן סכום. רעכן אויס דעם מעשר פון די הונדערט מיט אכט טויזנט שקל וואס דו האסט פארדינט - דאס איז אויפ'ן האר דער סכום פון דיין חלק!'

"איך האב זיי געזאגט, אז באמת וואלט איך נישט געטראכט צו געבן פאר דעם צוועק דעם גאנצן סכום פונעם מעשר וואס איך דארף אראפנעמען, אבער זעענדיג די אינטערעסאנטע השגחה פרטית אין דער פינקטליכקייט פון דעם סכום, וועל איך עס אי"ה געבן.

"אזוי רעדנדיג פון די חשבונות, האט מיר אויפגעבליצט אין געדאנק אן אנדער חשבון: איין טאג נאכ'ן זיך מקבל זיין א חיזוק אין מצות ברכת המזון, האב איך באקומען פון הימל א טשעק אינעם סכום פון המזו"ן (108) - הונדערט מיט אכט [טויזנט] שקל."

צום שלוס, וויל איך אויספירן מיט די ווערטער וואס דער הייליגער ש"ך שרייבט אין זיין ספר "שפתי כהן" על התורה (פרשת וישב). אויפ'ן פסוק "וירא אדוניו כי ה' אתו", אז דער אויבערשטער האט אריינגעגעבן חן פאר יוסף הצדיק אין די אויגן פונעם שר בית הסוהר, וואס פון אן ארעסטאנט איז ער דערהויבן געווארן ביז צום ראנג פון משנה למלך און האט זוכה געווען צו שפייזן די גאנצע וועלט - ברענגט ער וואס עס שטייט אין מדרש רבה (במדבר רבה יד, ג), אז דער שר בית הסוהר האט אלעמאל געזען ווי יוסף הצדיק שעפטשעט עפעס שטילערהייט, האט ער אים געפרעגט, "וואס זאגסטו דארט?" האט יוסף אים געענטפערט, "איך בענטש דעם אויבערשטן, וואס ער גיט שפייז פאר אלע באשעפענישן". און ווייל יוסף הצדיק האט נישט פארפעלט די מצוה פון ברכת המזון, דערפאר האט ער זוכה געווען דערנאך צו שפייזן די גאנצע וועלט, ווי עס שטייט אין פסוק (בראשית מב, ו) "ויוסף הוא המשביר".

*

**צו מיטטיילן ערשט-האנטיגע מעשיות להנאת אלפי הקוראים ביטע פארבינדט זיך צום הנהלת המכון דורך 4592885mhh@gmail.com, אדער דורכן פעקס 845-517-1692 אדער דורך לאזן א מעסעדזש אויף 845-276-3170**

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 4592885mhh@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-276-3170